# דער תהלים ייד

## קאפיטל 1_

## *שלום-זכר*

״אויף דיר בין איך געוואָרפן-געוואָרן פון דער טראַכט. פון מיין מוטער׳ס בויך ביסטו מיין גאָט..״
פון זיין מוטער׳ס בויך ווערט דער געלייטזעליגטער אויסגעוויילט פאַר זיין שליחות. די העכסטע לייט-זעליגקייט איז די קונסט פון גלויבן..
דאָס איז די געשיכטע פון יחיאל, וואָס האָט פון זיין קינדערהייט-אָן געפילט דעם עול, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע פּלייצע...

אַ שלעכטע צייט איז אויפגעשטאַנען אויף דער וועלט. איבער דער ערד זיינען נאָר-וואָס אַדורכגעגאַנגען די מלחמות פון גוג און מגוג. די פעלקער פון דער וועלט, צוזאַמענגעטריבן אין נאַפּאָלעאָנישע חיילות, האָבן נאָר-ייאָס דאָס לאַנד אַדורכגעצויגן, ווי אַ היישעריק די אויהערפלאַך פון דער ערד צוגעדעקט, אין יעדען בעט געשלאָפן, פון יעדען טאָפּ דאָס גיקירט געפרקסן. באַשמוצט און צעטראָטן ווי געפּייניגטער אַ גוף ליגט דאָס גאַנצע לאַנד אַ חרוב׳דיגס און קרעכצט פון די שלעק, וואָס עס איז געשלאָגן-געוואָרן. די מלחמות פון גוג און מגוג זיינען שוין אַדורכגיגאַנגען אין די טריט פון דים פאַרשפּעטיגטן משיח הערן זיך נאָך אַלץ נישט...

דענסמאָל איז געגאַנגען אַ מאַן און האָט פאַרלאָזט זיין שווער׳ס הויז. וואָרים נאָך דער מלחמה פון גוג און מגוג איז אַ הונגער געווען אין לאַנד. דער שווער איז פאַראָרימט גיוואָרן און האָט נישט געקאָנט מער דעם איידעם האַלטן אויף קעסט, אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט אין די תנאים, כדי ער זאָל קאָנען זיצן און אין דער תורה לערנען. האָט ער גענומען זיין ווייב און זיך באַזעצט ביים ברעג פון ווייסל, וואָרים ער האָט געהערט, דאָס לאַנד איז רייך און פעט און די מענטזן האָבן זיך גענומען ווידער די ערד באַאַרבעטן, ״האָבן געפונען ברויט אין מצריים״. די פרוי האָט געהאַנדלט מיט די פויערים, פאַרקויפט זיי ציץ און לייוונט אויף די מערק. וואָרים דער מאַן אַליין איז געווען אַ פרומער און האָט טאָג-און-נאַכט געפּאָרשט אין גאָט׳ס תורה.

איז זיין ווייב טראָגעדיג געוואָרן און האָט אים געבוירן אַ זון, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ישכר. אין דריי יאָר אַרום איז זי ווידער טראָגעדיג געוואָרן און האָט געבוירן אַ צווייטן זון, וואָס מען האָט אים גערופן יחיאל, וואָס איז דער טייטש ״לעבענדיגער גאָט״.

און עס איז געווען, ווען די מוטער איז מיט איר קינד אין קימפּעט געלעגן יעדען מאָל ווען זי האָט אים די ברוסט אין מויל געגעבן, האָט זי זיין נאַקעטן קאָפּ ניט איר האַמט באַדעקט און פאַר איר ניי-געבוירן קינד די ברכה איבערן מילך פון איר ברוסט געמאַכט, וואָרים זי איז געווען אַ פרומע פרוי און האָט איר קינד פון איר מוטערלייב נאָך צו גאָט געשענקט...

אָבער דאָס האָט זי נישט באַדאַרפט טאָן, וואָרים יעדן פאַרנאַכט זיינען חדר-אינגלעך צו דער קימפּעטאָרין אין שטוב געקומען, אַרום איר בעט זיך געשטעלט אין פאַר דעם ניי-געבוירענעם ביז צו זיין אידיש קריאת-שמע דעלייענט...

וואָרים ווי יונג די מוטער איז, איז עס שוין איר צווייט געבורסט און זי איז געניט און ווייסט, אַז פאַר דעם צוועק האָט זי גאָט אויף דער וועלט באַשאַפן, וואָס מער נשמות פון הימל אין לעבן אַריינצוברענגען. זי האַנדלט און וואַנדלט ווי אַן אמתי׳ע אשת-חיל, וואָרים איר מאַן דער פרומער און דער וואיל-לערנער איז פאַר עפּעס בעסערס באַשאַפן. אין בית-

המדרש זיצט ער גאַנצע טעג און פאָרשט גאָט׳ס שריפט, ער זאַמלט-אָן רייכטימער פאַר זיך און אויף דער צווייטער וועלט.

האָט די יונגע מוטער דורך דער גאַנצער צייט פון איר טראָגן יעדן פרייטאָג צו ליכט-בענטשן אַ פּאָר גראָשן אָפּגעשפּאָרט און אין אַ באַזונדער שעפּ געלייגט, כדי זי זאָל האָבן מיט וואָס די אורחים אויפצונעמען, ווען זיי וועלן קומען איר ניי-געבוירענעם מקבל-פּנים-זיין ביים שלום-זכר און ביים ברית. גאָט צו דאַנקען, זי האָט עס באַוויזן און זי קאָן זיין מיט לייטן צוגלייך.

דער שבת איז שוין אין דער אָרימער שטוב אַריינדעבראַכט. די גוטע שכנ׳טע בלימעלע, ברוך דעם פישער׳ס ווייב, האָט זיך זייער געמיט .. די שטיינערנע פּאָדלאָגע פון געוועלב-שטוב, וואו די קימפּעטאָרין ליגט, איז אויסגעקערט און מיט יום-טוב׳דיגן געלן זאַמד אויסדעשיט , די ליכט-שנויצן לייכטן אין מעשענעס הענג-לייכטער פון דיקן באַדקן אַראָפּ , די ליכטלעך אָנגעצונדן אין די לייכטער איבער דעם ווייס-געדעקטן טיש. די קימפּעטאָרין ליגט ווי אַ קעניגין אונטער אַ ווייסן באַלדאַכין, וואָס איז מיט ווייסע ליילעכער פאַרהאַנגען. די ווייסע ליילעכער האָבן אַן אויסטערלישע ריינקייט אַרום איר געשאַפן און אַ ווייסן אָפּשייד געשניטן צווישן דער מוטער און דער איבעריגער וועלט. לעבן איר בעט שטייט אַ קליין טישל, אויף וועלכן עס ברענט זיך אַ ליכט, און איר סידור לידט פאַר איר. לעבן איר בעט זיצט די גוטע שכנ׳טע בלימעלע אין איר יום-טוב-קלייד, כדי די קימפּעאָרין צו באַדינען. דער ניי-געבוירענער דרימלט איינגעבעט אין אַ קישן לעבן איר. דער עלטדטער זון, אין זיין שבת׳דיגן קאַפּל, שלאָפט דעם שלאָף פון די גערעכטע ביי דער מאַמעס פיס. אַזוי איז אַלץ אין שאיבל אָנגעגרייט אויפצונעמען די אורחים, וואָס דער טאַטע איז געגאַנגען פון בית-המדרש ברענגען אַהיים.